ישראל שווייצער / יפו

# צום דערשיינען פון א נייער אויפלאגע פון ק. צעטניקס בוך: „דאס הויז פון די ליאלקעס"

(פאַרלאַג: י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב)

דער הקדוש האָט אַמאָל אויסגערופן: „יש שקנה עולמו בשעה אחת" — ק. צעטניק ,האָט מיט דעם בוך דערוואָרבן זיך די וועלט.

ער איז אַ שאַרפער קינסטלער.

מאָניעק מאַטראַז איז דער טרויעריק באַרימטער מאָניעק מערין, יודענראַט־לייטער, װעלכער האָט פאַרשריבן אַ שװאַרץ בלאַט אין דער געשיכטע פון קאָלאַבאָריזאַציע מיט די דייטשן. דער בלאָק עלטסטער פאלדעק, איז פאָלדעק פיעקאַרסקי, װעלכער האָט ליידער, איבערגע־לעבט אָשװיענטשים, און צוריקקומענדיק קיין סאָסנאָװיץ, האָט ער זיך געשמדט און אַזויארום אויסגעמיטן פאָרלויפיק דעם גערעכטן אורטייל פון דער געשיכטע.

װייזט אויס אַז די השגחה האָט געװאָלט, אַז דער מחבר, װעלכער איז פון יענער געגנט, זאָל מיט זיין טאַלאַנט מכפר זיין אויף די פאַר־ברעכנס, װעלכע זענען באַגאַנגען געװאָרן דורך די העלדן, װעלכע װערן דורך אים געשילדערט אין זיין בוך.

אַזעלכע ליכטיקע טיפן װי זיינװל לובלינער, דער געלער איטשע מאיר, פיניע, אָדער די 2 טשעבינער שװעסטערן חנה און צביה — אַזעלכע געשטאַלטן לייכטן אַרויס מיט קדושה־שטראַלן אין דעם קאָשמאַרפולן געשפענסט װאָס באַגלייט אונז אויף די 357 זייטן פון בוך: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס".

אַ בוך װאָס דאַרף זיך געפונען אין יעדער יידישער שטוב!

•••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••